# חסד של אמת

חסד שעושין עם המתים
הוא חסד של אמת שאינו
מצפה לתשלום גמול:
(רש"י, ויחי)




**פון: אייזיק כהנא**

חול המועד פסח תשס"ה.

א עלטערער בחור פון וויליאמסבורג, וועלכער האט גראדע געהאט משפחה מיטגלידער, איז ליידער פלוצלינג נפטר געווארן, די משפחה האט אבער נישט געהאט דאס געלט צו דעקן די הויכע קאסטען פון קבורה. האבן זיי זיך געמאלדן צו חסד של אמת מיט א בקשה, אז זיי וואלטן זייער געוואלט אז דער נפטר זאל ליגען נעבן זיין מוטער, וועלכער ליגט אין דער בעלזא בית החיים אין לאנג איילנד, אבער אזוי ווי זיי האבן נישט קיין געלט, ווענדן זיי זיך צו "חסד של אמת" צו באצאלן די קאסטן אין דער בעלזא בית החיים.

עס איז געווען זייער שווער פאר ר' מענדל ראזנבערג, ווען ער האט געדארפט בלית ברירה אפזאגען פון צו באצאלן די קאסטן פון קבורה אין א אנדערען בית החיים, וואס דאס איז אנדערש פון די פרינציפן פון "חסד של אמת" וואס לויטעט אז "חסד של אמת" באהאלטן די נפטרים בלויז אין זייערע אייגענע חלקות, ווייל חסד של אמת האט נישט קיין קאַסע. אבער אזוי ווי די משפחה האט נישט געהאט קיין געלט אויף די הוצאות פון די קבורה, האבן זיי מסכים געווען מען זאל אים לייגען אין די חלקה פון חסד של אמת. מען האט געברענגט דעם עלענדען בחור לקבורהביים עק פון דעם בית החיים פון חסד של אמת אין לאנג איילאנד.

די חברה קדישא פארענדיגען די קבורה, ר' מענדל גיט זיך א דריי אויס, און ווערט בלייך ווי קאלעך... ער מערקט אז הארט נעבן דעם פרישען קבר וואס מען האט נארוואס פארענדיגט, ליגט דער מוטער פון דעם בחור! ביים עק פון דעם בעלזא'ר בית החיים וואס גרעניצט זיך מיטן חלקה פון חסד של אמת, און ס'איז אפילו נישטא קיין צוים אינצווישן, נארביידע ליגן ממש איינס נעבן אנדערן!

ווען די משפחה וואלט זיך ווען נישט ווען געוואנדען צו חסד של אמת, אדער ווען חסד של אמת וואלט ווען נאכגעגעבן זייער פארלאנג אויסצוצאלן די קבורה אין דער בעלזא ביה"ח, וואלט דער נפטר ווארשיינליך געקומען לקבורה אינעם אנדערען עק פונעם ביה"ח, ווייט אוועק פון זיין באליבטען מוטער. הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו

עד כאן המעשה.

**ווער** איז דער ר' מענדל? וואס איז חסד של אמת? ליינט דאס פאלגענדע...

יעקב אבינו ע"ה האט געזאגט פאר יוסף הצדיק: "ועשית עמדי חסד ואמת, זאגט רש"י, חסד שעושין עם המתים הוא חסד של אמת,

**"דער פלאם" אין א אויסשליסליכן שמועס מיט די חשוב'ע עסקנים פון חסד של אמת, מהנעשה והנשמע אין די ראמען פון די ארגעניזאציע**

שאינו מצפה לתשלום גמול.

דער היינטיגער דור איז ב"ה געבענטשט מיט א רייע חשוב'ע חסד ארגאנזאציעס, איינס גרעסער פונעם צווייטען. דא העלפט מען אידן חתונה מאכן קינדער, דא העלפט מען קראנקע זיך צו ערהוילן פונעם קראנקען בעט אא"וו.

אויסער די געוואלדיגע מצוה פון חסד וואס מען איז מקיים, קומט מיט דעם א געוואלדיגע הנאה פון דעם וואס מען זעהט אז יענער איז באמת געהאלפען געווארן דורך די פעולות פונעם ארגעניזאציע אדער פרייוואטער מענטש. עס קוועלט דאס האַרץ צו זעהן ווי דער טאטע פריידט זיך ביי די חתונה פון זיין קינד דורך די פאָר דאלער וואס מען האט אים צוגעווארפען, עס קוועלט דאס האַרץ ווען דער קראנקער שטייט שוין ב"ה געזונטערהייט אויף די אייגענע צוויי פיס, נאך די גרויסע חסדים וואס די אידעלעך האבן אים ארויסגעהאלפען אין זיין נויט.

אנדערש ביז גאר איז אבער ביי די ליידער-וואויל-באקאנטע ארגאנזאציע "חסד של אמת", ווי די געטרייע וואלאנטירן (קיינער באקומט נישט קיין געהאלט!) ארבייטן שווער און ביטער טראץ דעם וואס מען איז דערמיט מקיים א "חסד של אמת", וואס מען זעהט נישט דער שכר אויף דער וועלט, אבער די נשמות וועלן זיכער נישט שולדיג בלייבן אויף יענער וועלט, אלו דברים שאדם אוכל פרותיהם בעולם הזה והקרן קיימת להם לעולם הבא.

אין די הייליגע תורה געפונען מיר, אז טראץ דעם וואס דער כהן איז פארבאטן זיך מטמא צו זיין, איז אבער א מצוה זיך מטמא צו זיין פאר א מת מצוה, זעהט מען פון דעם די גרויסקייט פון ברענגען א מת מצוה לקבר ישראל.

## אלעס קען מען...

ווען מיר האבן זיך נאכגעפרעגט ביי גוטע אידן צו וועמען מיר דארפן זיך ווענדן איבער דעם טעמע, האבן אלע בפה אחד געוואוסט אנציווייזען אז דער ראש וראשון דערפון איז דער אלעמען באקאנטען הרה"ח מו"ה מענדל ראזענבערג הי"ו.

דער נאמען ר' מענדל ראזענבערג הי"ו איז



איבעראל ברייט באקאנט. אויב קען מען נישט ר' מענדל'ן פון זיין בארימטער טייער-געשעפט, קען מען אים פון די "חברה שומרים", און אויב קען מען אים נישט פון דארט, קען מען אים זיכער פון "חסד של אמת". דער נאמען "מענדי ראזנבערג" רופט אויס ביי יעדן שעצע און כבוד, יעדער ווייסט אז דער נאמען זאגט עפעס מער פון סתם "חסד", דאס האט עפעס א ספעציעלער חשוב'ער באדייט פון חסד אינעם היינטיגען דור.

הכלל, מיר האבן זיך טאקע פארבינדען מיט ר' מענדל'ן, מיט וועמען מיר האבן אפגעשמועסט אז "ווען ער וועט האבן צייט" וועט ער ארייַנפאלן אין אונזער קוואטיר אין אינטערוויו צימער פונעם 'פלאם', אבער אזוי שמועסנדיג מיט אים, האבן מיר באלד געזעהן אז ווען מיר פארבינדען זיך מיט אים "האט זיך פונקט געמאכט" אן עמורדזשיסי פאַל פון חסד של אמת אדער אין איינע פון זיינע אנדערע פילצאליגע חסד אפאראטן. האבן זיך מיר באגעניגט מיט דעם "שליח של אדם כמותו" ווען ס'איז ספעציעל אראפגעקומען צום "פלאם" דער רעכטער האנט פון ר' מענדל'ן, ה"ה מו"ה מאיר הערש בערגער הי"ו, א חשוב'ער אינגערמאן, וואס "מיין לייב און לעבן איז חסד של אמת", (אזוי האט ער זיך אויסגעדרוקט צום 'פלאם').

דער יסוד פון חסד של אמת איז, זאגט אייביג ר' מענדל, אז "אלעס קען מען", דער שאלה איז נאר "ווי אזוי מען קען", און טאקע מיט דעם מהלך האט ר' מענדל מצליח געווען אין הונדערטע פעלער, ווי אידישע נפטרים ל"ע זענען געקומען לקבר ישראל אין בלויז עטליכע שעה.

**וואס האט מען געטוהן ביז חסד של אמת?**

דער פראגע וואס אסאך מענטשן פרעגן: וואס האט מען געטוהן ביז ווען חסד של אמת איז געקומען?

דער ענטפער דער אויף איז ליידער זייער א ביטערער. ווער ווייסט וויפיל טויזענטער עלענדע אידן האבן ליידער נישט זוכה געווען צו קומען לקבר ישראל, צוליב דעם וואס זיי האבן נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אדער קרובים, און זיי זענען פארבליבען אין שפיטאל אדער אין א פארווארפענער נורסינג-האום פון ווי זיי זענען אומבעסטן פאַל אנגעקומען אין א גוי'אישען סעמעטערי, רח"ל, ה"י.

ביז פאר פופצן יאר צוריק ווען עס איז נתייסד געווארן דער וואונדערבארע ארגאנאזציע "חסד של אמת" וועלכע האבן גאר נאנטע פארבינדונגען מיט די רעגירונג און ווערן באגלייט מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

ווי מיר זעהן מיט די אייגענע אויגן, דרייען זיך אין די גאסן הונדערטער אורחי-פורחי וועלכע האבן ליידער נישט קיין משפחה מיטגלידער, אדער זענען דורך שווערע פרשות אין לעבן וואס האט זיי אפגעטיילט פון די משפחה ל"ע. שטעלט זיך די פראגע: צוליב דעם וואס זיי האבן נישט קיין פאמיליע-מיטגלידער זאלן זיי נישט זוכה זיין ח"ו צו קומען לקבר ישראל?





דער סיסטעם פון די רעגירונג אין דעם הינזיכט גייט ווי פאלגענד: ווען עס שטארבט א מענטש ל"ע אין א שפיטאל אדער אין א נורסינג האום, און קיינער מעלדט זיך נישט איבער אים. שיקט מען אפ דאס קערפער צום אפיס פון "מעדיקעל עקזעמינער" ווי זיי מאכן אביסל "לייכטע פארשונגען" אבער זיי שטרענגען זיך נישט איבער צו דערגיין מי הוא זה ואיזהו. אויב ביז אפאר וואכן מעלדט זיך קיינער נישט איין, שיקט מען דאס ווייטער צו קאלאדזשען ווי דאקטורים לערנען זיך רח"ל אויף די קערפער, און דערנאך (ס'קען מיינען עטליכע חדשים!) אויב איז ער זוכה, ווערט ער באערדיגט אין די "אומבאקאנטע" סעמעטערי וואס די שטאט האט פאר אנאנאמע נפטרים.

אט דאס האט חסד של אמת דורכגעבראכן. די שטאטישע באאמטע ווייסן שוין היינט, אז ווען עס איז דא דאס מינדערסטע אינפארמאציע אז דער נפטר\ת איז פון אידישן אפשטאם, מעלדט מען דאס איין פאר ראביי ראזענבערג פון חסד של אמת, און דער איד איז זוכה צו קומען למנוחה נכונה בקבר ישראל.

## א רעוועלוציע אין חסד

מען זאל נישט דארפן צוקומען, אבער דער נאמען "חסד של אמת" איז ליידער זייער באקאנט אין אלע קרייזען, חסידי'שע און ליטווישע צוגלייך. אלע ווייסען, אז ווען מען טרעפט ל"ע א "מת מצוה" פארבינדט מען זיך באלד מיט חסד של אמת, וועלכע זענען זיך מטפל בכבוד המת, און ברענגען דעם נפטר\ת לקבר ישראל בכבוד הראוי.

ווי פריער ערוועהנט, איז דער רוקן-ביין פון "חסד של אמת" דער "איש החסד" הרה"ח מו"ה מענדל ראזנבערג הי"ו, וועלכער איז שויו פון לאנגע יארן א טייל פון די וויזניצער חברה קדישא, און נאכדעם וואס עס זענען אים אונטערגעקומען עטליכע אויסנאם-פעלער פון מיתי מצוה, האט ר' מענדל געזעהן דאס נחיצות פונעם ענין, און האט מייסד געווען דעם חסד של אמת ארגעניזאציע.

פון אנהויב איז ר' מענדל געווען דער גאנצער ארגענעזאציע, דער שמועה האט זיך ארומגעטראגען פון מויל צו אויער, אז

# חסד של אמת

אין פאל מען באגעגענט א מת מצוה ל"ע איז מען נאך נישט אויפן וואסער, מען כאפט א טעלעפאן און מען רופט ר' מענדל ראזנבערג וועלכער טוט דאס זייניגע ביז אלעס ווערט מסודר על צד היותר טוב.

דורכאויס די יארן, האט דער ארגאנזאציע באקומען פליגלען, און איז באקאנט געווארן אין דער גאנצער וועלט ווי חסד של אמת ווערט אראפגערופען אין פאל א פערזאן ווערט געטראפען אן קיין אידענטיפיקאציע.

חסד של אמת האט שוין דורכגעפירט טהרות אין ווייטן פאטא-ריקא, לאס אנדזשעלעס, קאנטרינע אא"וו, ווען עס פעלט זיך אויס שיקט חסד של אמת אראפ א שטאב וואלאנטירן זיכער צו מאכן אז אלעס איז מסודר און דער איד קומט לקבר ישראל בכבוד הראוי לו.

## די הימלישע הצלחה

זינט חסד של אמת איז געגרינדעט געווארן זעהט מען בחוש ווי דאס ווערט באגלייט מיט א געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא. הונדערטער וואלאנטירן זענען אנגעשלאסן אין די הייליגע ארבעט, צווישן זיי אויך פרויען וואלאנטירן אין פאל פון נויט ה"י. חסד של אמת האט א ליסטע פון עטליכע הונדערט נשמות וואס זענען געקומען לקבר ישראל דורך זיי, אין די דריי חלקות וואס חסד של אמת האט אפגעקויפט פאר גרויסע געלטער.



יעדער באזונדערע פאל וואס קומט אן צו חסד של אמת, איז באגלייט מיט א באזונדערע השגחה פרטית וויאזוי דאס איז "פונקט" אנגעקומען צו חסד של אמת.

אלס א ביישפיל פון א וואונדערליכע עפיזאד פון די וואונ-דערליכע השגחה פרטית און סייעתא דשמיא וואס איז פון די "טאג טעגליכע" ערשיינונגען אין די ראמען פון די חסד של אמת ארגא-נאזציע דערציילט רב בערגער א מעשה, אנוויי-זענדיג אויפן בילד פונעם מצבה אינעם בית החיים פון חסד של אמת, מיטן נאמען "שרה חזון", וועלכע איז אינדענטעפעצירט געווארן אלס "שרה בת ר' שלמה", אט הערט די וואונדערליכע השגחה פרטית:

חול המועד פסח אין יאר תשס"ג, זענען עטליכע וואלאנטירן פון חסד של אמת געווען אינעם אפיס פונעם מעדיקעל עקזעמינאר איבער שתדלנות אויף א געוויסע פאל וואס איז דאן באהאנדעלט געווארן. ווען פלוצלינג זעהען זיי אז עס איז אריינגעקומען א דעליוועריִ, א פרישע קעסטל מיטן אויפשריפט "איבערבלייבענישן פון שרה חזון". נו, שרה חזון שמעקט דאך פון א אידישע נאמען. האט דער וואלאנטיר באלד אריינגערופען צו ר' מענדל ראזענבערג וועלכער האט אים געהייסן אראפשרייבן דעם קאד נומער.

ווען חסד של אמת האט זיך פארבינדען מיטן אפיס פונעם מעדיקעל עקזעמינאר,

# חסד של אמת



האבן זיי געפרעגט: וואס זוכט דאס אין ברוקלין, דער קערפער האט דאך געדארפט פארן קיין קווינס?...

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער פרוי שרה חזן איז אוועק מיט דריי יאר פריער אין א פארשטיפטען נורסינג האום, אבער אזוי ווי מען האט נישט געהאט קיין שום קשר צו פאמיליע מיטגלידער, האט דאס דער רעגירונג געשיקט צו "מעדיקעל קאלעדשעס" ווי מען האט זיך אויף איהר געלערנט דאקטעריי, און דאס האט געזאלט פארן ווייטער קיין קווינס צו אן אנדערער קאלעדזש, אבער בהשגחה פרטית איז דאס "בטעות" אנגעקומען צום אפיס פונעם מעדיקעל עקזעמינאר אין ברוקלין, ווען צוויי וואלאנטירן פון חסד של אמת זענען "פונקט" דעמאלטס דארט געווען און באמערקט דעם אידישען נאמען, וואס אזוי ארום איז זי געקומען לקבר ישראל אין דעם פונקטליכען טאג פון איהר דריטן יארצייט!

א ענליכע פאסירונג איז אמאל געווען, ווען א געוויסע פארווארפענע שפיטאל האט אמאל "בטעות" אריינגעפעקסט צו חסד של אמת א פארלאנג איבער א געוויסע אידישע נפטר וועלכע האט נישט איבערגעלאזט קיין קרובים ל"ע. דער בריוו איז געווען געוואנדען צו עפעס א געוויסע גוי'אישע ארגאנזאציע איבער דעם קערפער, אבער למעשה האבן זיי בטעות ארויסגעדרוקט פון קאמפיוטער דעם נומער פון חסד של אמת וועלכע האבן זיך באלד פארבינדען מיט דעם שפיטאל, און דעם אנדערן טאג איז דער איד שוין געקומען לקבר ישראל אין די חלקה פון חסד של אמת.

## ועשית נא עמדי חסד והזכרתני...

א חשוב'ער איד, וועלכער האט געבעטן זיין נאמען זאל בלייבן אנאנים, איז געפארן אין די מרחקים אויף באהאנדלונגען אינעם רוקען. דארט ביי יענעם געגענט זענען קיין סאך אידן נישט געווען, דערפאר האט ביי אים ארויסגערופען וואונדער ווען ס'איז צו אים צוגעקומען א מיטליאריגע פרוי און אים געבעטן ווי פאלגענד:

"אזוי ווי איך בין געבליבן נאך די מלחמה א עלענדע יתומה, אן קיין טאטע און מאמע, און אן קיין שום קרובים, און ליידער האב איך קיינמאל נישט חתונה געהאט, איך בין געווען נע ונד ביז איך בין אנגעקומען צום שטוב פון דעם דאקטער, ביי וועמען איך האלט מיר אויף שוין עטליכע יאר ווי איך העלף ארויס מיט לייכטע שטוב-ארבעט. איין זאך באדערט מיר אבער זייער, דאס אזוי ווי איך דריי מיר צווישן גוים, און איך ווייס ביי מיר אז איך שטאם פון אידישע עלטערן, און ליידער האב איך נישט געהאט ווער עס זאל מיט מיר לערנען אידישקייט, וואלט איך אבער כאטש געוואלט זוכה זיין צו קומען נאך מיין 120 לקבר ישראל".

דער איד האט איר געזאגט אז זי זאל פארצייכענען זיין נומער, און אין פאל פון נויט ח"ו זאל מען אים אנקלינגען.

זי האט טאקע איבערגעלאזט א צעטעלע ביים דאקטאר, אז אויב עפעס פאסירט חלילה מיט איר, זאל מען רופן דעם און דעם איד אויף דעם נומער.

צוויי וואכן שפעטער...

דער איד באקומט א טעלעפאון קאל:

"העלאו, דא רעדט דער דאקטאר, יענע פרוי וואס האט ביי מיר געארבעט איז ל"ע געהארגעט געווארן היינט דורך א שווערע עקסידענט, און זי האט איבערגעלאזט א צעטל ביי מיר אז איך זאל אייך רופן נאך איר טויט!

דער איד האט זיך נישט פארלוירן, ער האט געוואוסט צו זאגן פון ר' מענדל ראזענבערג און דער חסד של אמת ארגעניזאציע. ר' מענדל האט אים באלד קלאר געמאכט אז אזוי ווי זי האט איבערגעלאזט אזא צעטל, איז ער דער לעגאלער "קינד" און האט א רעכט איר צו ברענגען קיין אמעריקע אן דאס מינדערסטע באהאנדלונג פון די מעדיקעל עקזעמינער. א טאג דער אויף איז זי געקומען לקבר ישראל אין די חלקה פון חסד של אמת!

ביי די לוי' איז געווען א געוואלדיגער קידוש השם, ווען עס האבן זיך באטייליגט אסאך דאקטורים לכבוד דעם דאקטאר ווי זי האט געדינט אלס ריינגער.

## די רעכט צו טון חסד

די גרעסטע שוועריגקייטן וואס חסד של אמת גייט דורך, איז צו מאכן שתדלנות ביי די מעדיקעל עקזעמינער אז מען זאל נזהר זיין בכבוד המת. דער געזעץ איז, אז בלויז א קינד, אדער א פארטרעטער, קען אונטערשרייבן א פארלאנג אז אן "אויטאפסי" איז קעגן זיין רעליגיע און ער וויל כבוד המת. דערפאר פראבירט חסד של אמת די ערשטע זאך אפיהרצוזוכען א נאנטע משפחה מיטגליד ביי וועמען מען קען באקומען אזא חתימה. חסד של אמת איז שוין דורכגעאנגען פיל אינטערעסאנטע





"השגחה פרטית" עפיזאדן וויאזוי עס זענען אפיהרגעקומען משפחה מיטגלידער צו געבן אזעלכע חתימות.

## חברה משניות

חסד של אמת האט א רשימה פון אלע נפטרים וואס זענען דורך זיי געקומען לקבר ישראל, און זייערע יארצייטן. דעם ערשטן יאר לערנט מען פאר אלע משניות, און ביי יעדן יארצייט זאגט מען א קדיש לעילוי נשמתם.

איינמאל א יאר, בערך סוף חודש שבט, קומט פאהר א הערליכע סיום משניות, ווי עס באטייליגען זיך אלע וואלאנטירן פון "חסד של אמת" אין שפיץ פון די חשוב'ע רבנים שליט"א מיט וועמען חסד של אמת איז כסדר בקשר אין אלע הלכה'דיגע אנגעלעגנהייטן.

## מי ראה זה יוצא...

ראַביי גלאָק, דער רב הראשי פון גאליציע, איז בכלל נישט קיין חידוש ביים היימישען ציבור, ווי ער איז באקאנט מיט זיינע שתדלנות ביי די הויכע פענסטער, און שטייט גרייט ארויסצוהעלפן יעדן איד, באשר הוא שם, אין פאל פון נויט.

חסד של אמת ווייסט, אז ווען עס מאכט זיך א שווערע פאל, און מען נויטיגט זיך אין ספעציעלע פראטעקציע און שתדלנות צו פארמיידן א בזיון המת ח"ו, דאן האבן זיי א אפענע טיר ביי הרב גלאק, וועלכער שטעלט זיך אין די לענג און אין די ברייט ביז ווען דאס ענין ווערט מסודר.

און אזוי האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אין דעם עבר, ווי ראביי גלאק האט באוויזן גדולות ונצורות מיט א געוואלדיגע קידוש ה' און כבוד המת.

ביי דעם פארגאנגענעם סיום משניות האט הרב גלאָק פארגעליינט מיט גרויס התרגשות די נעמען פון די עטליכע הונדערט נפטרים וועלכע זענען געקומען לקבר ישראל מיט די הילף פון חסד של אמת, עס איז קענטיג געווען אז עס ליינט זיך פון האַרץ, דברים היוצאים מן הלב, נאכדעם וואס הרב גלאָק איז זעלבסט געווען אריינגעמישט אין פיל פון די פעלער.

## מדה כנגד מדה

עס דערציילט א חשוב'ער עסקן פון חסד של אמת פארן "פלאם".





מאכט זיך אין א געוויסע תקופה, וואס דער ביזנעס איז נישט געפארן אזוי איי איי איי, מ'האט שוין געהאט בעסערע צייטן. אכלל, איך האב געהאט צוויי ביזנעס דיעלס אויף וואס איך האב שטארק ארויסגעקוקט, וואס מיט דעם פארדינס וועט מען אי"ה קענען שבת מאכן.

כ'בין פונקט יענעם טאג געגאנגען אויף א "קאל" פון חסד של אמת, און וואונדער איבער וואונדער, אזוי ווי איך האב פארענדיגט מיין ארבעט פאר חסד של אמת, קלינגט מיר דער סעלפאון פון איין באנק אז דער דיעל איז ב"ה "עפראווד". און אזוי ווי איך האב אראפגעלייגט דעם טעלפאן, קלינגט מען מיר אן פונעם אנדערן באנק, בנוגע גאר א צווייטע דיעל וואס האט בכלל נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם ערשטן דיעל, אז דאס איז אויך "עפראווד"! ומשלם שכר לעושי רצונו.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז עס זאל שוין זיין יבלע המות לנצח, און מען זאל נישט דארפן צוקומען צו די אלע זאכן, אמן.